# א גריס פון
# בית פיגא

**פרשת תולדות**

**ה' כסלו תשפ"א**

**יאר 1 גליון 1**

## מעשה פון א צדיק

**עס איז געווען א ברסלב'ער חסיד מיטן נאמען ר' אהרן קובליטשער זכרונו לברכה. ער איז געווען זייער א פרייליכער איד און איז שטענדיג ארום געגאנגען מיט א שמייכל, אפילו ער איז געווען א עני ואביון אז עס איז ממש נישט געווען וואס אריין צו נעמען אין מויל ביי אים אין שטוב. זיין ווייב פלעגט אים כסדר פרעגן: "אהרן, פארוואס ביסטו פרייליך, מיר האבן דאך גארנישט?!" פלעגט ער איר שטענדיג ענטפערן: "דו גלייבסט אז עס וועט נאך אמאל זיין גוט? נו, איך בארג אויס שמחה פון דעמאלט אויף יעצט; יעצט טאקע האבן מיר גארנישט, אבער עס וועט נאך גוט זיין און דעמאלט וועלן מיר האבן מיט וואס זיך צו פרייען. דערפאר בארג איך שוין אויס אביסל פון די שמחה פון דעמאלט".**

## מזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר:

**שרי ראבינאוויטש (לייפער)**

**ליבי איינהארן (שניצלער)**

**מרת איידליס (פארקאש)**

**צו זייער חתונה!**



**א גוט שבת!**

**זמן שבת: 4:19**

**זמן מוצש"ק: 5:46**

## אבריוו פון די ראש ישיבה

בעזרת ה' יתברך

יום ד' פרשת תולדות, ב' כסליו, שנת תשפ"א לפרט קטן

לכבוד די תלמידות פון בית פיגא ברסלב שתחיו.

אז איר ווילט מיר מאכן נחת זאלט איר זייער אכטונג געבן נישט ווי צו טון קיינעם; איר זאלט שטענדיג טראכטן פון א צווייטן, איר זאלט זיין פארזיכטיג ווען איר זאגט ארויס א ווארט עס זאל נישט וויי טון יענעם.

טייערע תלמידות, נעמט דעם ספר תהלים פאר אייער פריינט; וואו איר גייט זאלט איר מיטנעמען דעם תהילים. זאגט יעדן טאג דעם יום תהילים, אזוי וועט איר עס ענדיגן יעדע וואך, אויב עס איז שווער צו זאגן דעם גאנצן יום זאלט איר זאגן וויפיל איר קענט.

ווען איר קומט אהיים זאלט איר העלפן די מאמע; זוכט נישט ארויסצוגיין פון שטוב, ענדערש בלייבט העלפן די מאמע.

דער אייבערשטער זאל העלפן איר זאלט מצליח זיין מיט אלע אייערע וועגן.

יואל ראטה

# מעשיות פון תפילה

## מינדי לעווי:

איך האב געבעטן די אייבערשטער אז רחל לאה ראטה זאל קומען צו מיין הויז, און ש'כח אייבערשטער אז זי איז געקומען!



ערשטע קלאס

## הדסה אריה:

איך האב שוין זייער לאנג געבעטן די אייבערשטער אז איך זאל באקומען נייע שיך, און די אייבערשטער האט געהאלפן איך האב באקומען נייע שיך!



## עטי בלום:

איך האב געבעטן די אייבערשטער אז איך זאל אנקומען פרי און סקול און ש'כח אייבערשטער איך בין אנגעקומען פרי!

צווייטע קלאס

## גאלדי בוים:

איך האב באקומען א שטארקע עלעקטריק שאק, און איך האב גלייך אנגעהויבן בעטן די אייבערשטער אז עס זאל נישט ווי טון, און ש'כח אייבערשטער אז עס האט זיך זייער שנעל אויסגעהיילט.



פערטע קלאס

## רבקה ראטה:

שוין זייער לאנג וואס איך בעט די אייבערשטער אז איך זאל קענען קומען קיין אמעריקע צו בית פיגא סקול, אבער איך האב נישט געהאט א פלאץ ווי צו זיין, מאנטאג נאכט האב איך זיך אינגאנצן איבער געגעבן צו די אייבערשטער, און גלייך דערנאך האב איך באקומען א טיקעט און א פלאץ ווי צו זיין. ש'כח אייבערשטער!






עלטסטע קלאס

# נייעס אין בית פיגא:

~ די וואך דינסטאג ראש חודש כסלו איז פארגעקומען א העריכע פראגראם וואס די G.O. מיידלעך האבן אהערגעשטעלט. מען האט שיין געזינגען, און דערנאך האט מען געשפילט א חנוכה געים מיט א דריידל. צום סוף האבן אלע קלאסן צוזאמען געטאנצן און זיך געפריידט אז עס איז ראש חודש.

~ ש'כח אייבערשטער אז די וואך האט זיך געעפענט א באזאר אין בית פיגא! מען קען באקומען קליידער אומזיסט, אנשטאט צו גיין קויפן טייערע קליידער קויפט עס די שכן און נאכדעם איז עס מער נישט אינטערעסאנט געבט מען עס אוועק און מען קויפט נייע. ש'כח אייבערשטער אז די ראש ישיבה לערנט אונז אויס שכל אז געניצטע קליידער איז נישט קיין בושה נאר פונקט פארקערט, אין בית פיגא איז א בושה צו גיין מיט טייערע קליידער.